# פרדס יהודה

## פניני הפרדס עם סיפורים

על

# חג הסוכות

מה שנלקט מספרים וגם נוסף משלי מתוקן ומעודכן

## שנת תשפ״ז

ע״י יהודה זבולון הלוי קליטניק נ״י

**דרוש ~ ראשון הוא לחשבון עונות- פארוואס ביי סוכות?**

שטייט אין מדרש תנחומא: וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן: וכי רִאשׁוֹן הוּא, והלא יום חמישה עשר הוא, ואת אמרת בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן? **אלא רִאשׁוֹן הוּא לחשבון עונות.** (ויקרא, פרק כג סימן כב) דאס איז א באקאנטע מדרש און בעזה״י וועט מען אויך געבן א הסבר: דער אויבערשטער איז דאך א רחום וחנון און וויל אז פאר יעדן איד זאל זיין נאר גוטס, און דוד המלך זאגט – חַנּוּן וְרַחוּם ה׳ אֶרֶךְ אַפַּיִם וּגְדָל חָסֶד: (תהלים קמ״ח) דער אויבערשטער האט געדולד אוןווארט ביז דער מענטש זאל אויך ווערן גוט אין זיין הנהגה. אלעס הויבט זיך אן ר״ח תמוז וואס דער ר״ת איז ז׳מני ת׳שובה מ׳משמשין ו׳באין, און מען דערמאנט זיך תשובה טאן, און נאכדעם גייט חודש אלול מיטן קול שופר וואס דער תכלית איז מען זאל געדענקען תשובה צו טאן, און נאכדעם גייט די הייליגע טעג וואס הויבט זיך אן מיט ראש השנה, **ויעשו כולם אגודה אחת**, צו זיין באחדות מיט כלל ישראל און ליב האבן יעדן איד, און דערנאך קומט יו״כ וואס מען בעט מחילה פון יעדן און דאס ברענגט ווייטער אחדות ביי כלל ישראל. און נאכדעם קומט יו״ט סוכות מיט די ד׳ מינים וואס איז צו ווייזן אחדות ווייל מען בינט אלע פיר מינים וואס האבן אנדערע מעלות, און אויך יעדן איד האט א מעלה וואס דער אנדערע האט נישט, און דאס זאגט מען שנראה מעלות חבירינו, ווייל יעדע איד האט גאר גוטע מעלות אין זיך, נאר מען זעט דאס נישט ווייל מען האט נישט די ריכטיגע מדה פון אחדות, ווייל א גוטער פריינד זעט נאר זיינע מעלות פון זיין חבר און נישט די חסרונות, קומט אויס אז דער תכלית פון אחדות איז צו צוקומען צו גוטע מידות, כידוע אז דרך ארץ, מדות טובות, איז קדמה לתורה, ממילא ביי דער יוֹם הָרִאשׁוֹן פון יו״ט סוכות, וואס נאך די אלע פעולות איז מען שוין געקומען צו אחדות, און סוכות איז ווייטער נאר אחדות, קען מען שוין צוקומען צו וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ וואס דאס איז **כלל גדול בתורה**, און א מענטש וואס האט אחדות, האט אהבת ישראל, און מיט דעם קען ער צוגיין צו די הייליגער תורה און היטן וואס עס שטייט אין די תורה און נישט עובר זיין חלילה, דעריבער איז **ראשון לחשבון עונות**, אז מען האלט שוין ביי סוכות מיט די ד׳ מינים און מען ווערט נתעורר אז אלעס איז נאר וועגן אחדות און אהבת ישראל, איז דאס די ריכטיגע חשבון אויף נישט צו טאן עבירות, און יעצט אז דער מענטש ביי יום הראשון האלט ער שוין ביי אהבת ישראל, ממילא קומט שוין דער ניסוך המים וואס דאס איז שמחה, און שמחה קען מען נאר האבן ווען מען האט אהבת ישראל, און מען זעט נאר יענעמ׳ס מעלות און מען איז צופרידן וואס יענע האט, און אוודאי די כל טוב וואס דער אויבערשטער האט דיר געגעבן, איז מען שוין בשמחה, ווייל דער נישט זיין צופרידן איז דער היפך פון שמחה, און נאכדעם וואס מען האלט שוין ביי די מדריגה פון וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ און מען איז בשמחה, איז מען שוין אויף די וועג פון כלל גדול בתורה, דעמאלט׳ס קען מען זיך פרייען מיט די הייליגער תורה, ווייל מען וועט דאך היטן וואס עס שטייט אין דעם, און מען איז פריילאך מיטן תורה, דעריבער קומט שמחת תורה. און אז דער חודש הראשון איז דער חשבון פון א גאנץ יאר, דארף מען נעמען א רשימה פון די הייליגע טעג און מקיים זיין דער וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ און זיין בשמחה, ממילא וועט דער מענטש זיין גוט, וועט דער אויבערשטער זיין גוט צו אים און וועט אים געבן א גוט יאר. דער אויבערשטער זאל אונז אלע געבן א גוט יאר ברוחניות און בגשמיות אמן. (שמח זבולון תש״פ)

**רמז אז די אושפיזין קומען אין די סוכה**

בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת: (ויקרא כג מב) עס איז ידוע פון צדיקים אז די הייליגע זיבן אושפיזין קומען אראפ אין די סוכה, קען מען זאגן א רמז פון די תורה אויף דעם, ווייל די ווערטער "בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים" באטרעפן 2602 אזויפיל ווי די ווערטער: "אברהם סוכה: 339, יצחק סוכה: 299, יעקב סוכה: 279, משה סוכה: 436, אהרן סוכה: 347, יוסף סוכה: 247, דויד סוכה: 115" = 2602. (זוהר חי קאמארנא) **נעמען געסט אין די סוכה**דער הייליגער בארדיטשובער רב הרה״ק רב לוי יצחק זי״ע האט שטענדיג אריין גענומען ארימע און גאנץ פראסטע אידן אלס אורחים אין זיין סוכה, האט ער אמל געזאגט פארוואס ער איז אזוי מהדר דאס צו טאן? ווייל די גמרא זאגט אז ווען משיח צדקינו וועט קומען וועלן די צדיקים זיצן אין די סוכה פון דעם לויתן מיט זייערע קרוינען אויפן קאפ און אוודאי וועלן די הייליגע אבות און די צדיקים און חסידים פון אלע דורות זיין דארט, און איך לוי יצחק וועט אויך וועלן ארייגייין אין די סוכה פון לויתן, און אויב מען וועט מיך וועלן ארויס יאגן פון דארט, און זאגן וואס טוט דא אזא פראסטער מענטש צו וועלן זיצן מיט אלע צדיקים צוזאמען? וועל איך ענטפערן אז אויך אין מיין סוכה זענען געזעצן פראסטע און נידעריגע מענטשן, וועט מען מיר אויך דארפן ארייגלאזן. (סוכת שלום בשם שפתי צדיקים)

**סוכה איז צו לערנען די דורות צו לייגן זייער בטחון אויפן אויבערשטן**

דער אלשיך הקדוש, און דער מבי״ט אין ספר בית אלקים פרעגן אז די גמרא (תענית ט. חולין צב.) ברענגט אז הקב״ה האט געגעבן דריי גוטע מתנות פאר אידישע קינדער אין מדבר: די מן, די באר, און די ענני הכבוד. אויב אזוי, פארוואס האט אונז די תורה באפוילן צו מאכן די מצוה פון סוכה אלץ א

זכר פאר די ענני הכבוד, אבער פאר די מן און די באר איז נישטא קיין מצוה פאר א זכר פאר זיי? דער הייליגער בני יששכר ברענגט צוויי תירוצים פון הייליגן חיד"א, איינס ברענגט ער בשם ספר "צמח דוד", עפ"י פשוטו אז אזוי ווי אין דער באר האט מען געקענט טועם זיין דעם טעם פון אלע סארטן געטרענקען, און אין דעם מן האט מען געקענט טועם זיין דעם טעם פון אלע סארטן מאכלים, דעריבער האבן חז"ל מתקן געווען צו פראווען שמחת יום טוב מיט פלייש און וויין אז דורך די מאכלים און טרינקען פון יום טוב וועט מען האבן א זכר צו די מן און די באר. א טיפערער טעם דער חיד"א בשם רבי ישועה זיי"ן מחכמי מצרים, אז די מן און די באר האבן די אידן באקומען נאר דורך טענות, און געבעטן זיי דארפן עסן און וואסער, משא"כ די ענני הכבוד האט זיי דער אויבערשטער אליין געגעבן אן זיי זאלן דאס בעטן, נאר פון זיין גרויסע חסד, דעריבר האט מען נישט געגעבן קיין זכר וועגן די מן און די באר, נאר פאר די ענני הכבוד עכ"ד החיד"א. פירט אויס די בני יששכר אז דאס קען זיין מרומז אין פסוק לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם: (ויקרא כג, מג) לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם די דורות זאלן וויסן אז כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הקב"ה האט דאס געטאן אן דעם וואס זיי זאלן דאס בעטן, ווייל אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם איך ווייס וואס עס איז גוט פארן מענטש אפילו דער מענטש ווייסט עס אליין, און מען דארף האבן בטחון אז אלעס איז לטובה, און דאס לערנט מען פון די סוכה. (בני יששכר)

**דרוש פון בסוכות הושבתי איז נאר פאר כלל ישראל**

בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת. לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: (כ"ג מ"ב–מ"ג) לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין אין פסוק נאך בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ די ווערטער כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, בפרט אז עס שטייט ווייטער לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס דער הייליגער קרן לדוד -הגאון ר' אליעזר דוד גרינוואלד מסאטמאר זצוק"ל- ברענגט די קשיא פארוואס האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א זכר וועגן די נס פון די ענני הכבוד אז מעל זאל מאכן א סוכה און נישט געהייסן מאכן א זכר לנס וועגן די מַן און די בְּאֵרוֹ שֶׁל מִרְיָם? און דער בני יששכר ענטפערט בשם דער הייליגער חיד"א אז די נסים פון מַן און בְּאֵר זענען נישט געווען נאר פאר כלל ישראל, ווייל די עֵרֶב רַב האבן אויך הנאה געהאט פון זיי כדי זיי זאלן האבן פון וואס צו עסן און טרינקען, אבער די ענני הכבוד איז נאר געווען פאר די אידן און די ענני הכבוד האבן ארויס געשפיגן די עֵרֶב רַב ווייל זיי האבן געדינט עו"ז, וז"ל (זוהר הק' ח"ב דף קצ"א.) **"ענני הכבוד פלטו את הָעֵרֶב רַב"**, דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א נס פון ענני הכבוד צו ווייזן זיין ליבשאפט צו כלל ישראל.

מיט דעם זאגט דער קרן לדוד א שיינע ווארט צו מפרש זיין א מדרש פליאה (בראשית רבה, פרשה מח) יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: אמר הקב"ה לאברהם אתה אמרת וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ, חייך שאני פוֹרֵעַ לבניך בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים. וואס איז די קשר פון הכנסת אורחים פון אברהם וואס האט געזאגט יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וגו' וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ און די מצוה פון סוכה? נאר אברהם אבינו האט געזאגט וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ צו בודק זיין אויב די אורחים זענען מאמינים בה' אדער נישט ווייל ער האט זיך געוואלט דערווייטערן פון עובדי עו"ז, דעריבער האט דער אויבערשטער אים געזאגט: דערפאר וועל איך געבן פאר דיינע קינדער די מצוה פון סוכה וואס איז נאר פאר די אידן וואס גלויבן אין ה' און נישט פאר די עֵרֶב רַב עובדי עו"ז עכ"ד. מיט דעם קען מען זאגן דאס איז פשט אין אונזער פסוק: בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים, ווייל כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, נאר אידן זיצן אין סוכה, פארוואס לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, וואס דאס איז געווען די ענני הכבוד און דאס איז נאר געווען פאר די אידן און נישט די עֵרֶב רַב, דעריבער האט דער אויבערשטער געהייסן מאכן א זכר לנס פון ענני הכבוד אז די אידן זאלן זיצן אין סוכה. (שמח זבולון תשע"ח)

**דרוש לסוכות~ דער עץ ביי אברהם מיינט א סוכה**

יֻקַּח נָא מְעַט מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ: (יח ד) זאגט רש"י, תַּחַת הָעֵץ: מיינט תַּחַת הָאִילָן. דארף מען פארשטיין פארוואס דארף רש"י דא טייטשן אז עֵץ מיינט א בוים, ווען אין פרשת בראשית ביי עֵץ טייטשט נישט רש"י אז דאס מיינט א בוים? נאר מען קען זאגן אז רש"י איז געווען שווער פארוואס שטייט הָעֵץ מיט א ה"א, וואס דאס מיינט עס איז געווען א באוואוסטע בוים, נאר אברהם האט געהאט אסאך ביימער און דער בוים איז געווען הָעֵץ הידוע, און די תורה איז מרמז וואס עס שטייט אין זוהר הק' (ח"א קב) – ת"ח **אילנא נטע אברהם** כו' ובההוא **אילנא** -דורך יענע בוים-הוה **ידע**-האט אברהם געוואוסט- **מאן דאתאחיד ביה בקודשא בריך הוא** -ווער איז דבוק אין אויבערשטן- **ומאן דאתאחיד בע"ז**, -און ווער איז דבוק אין עו"ז- **מאן דאתאחיד בקודשא בריך הוא** -דער וואס איז געווען דבוק אין אויבערשטן- **אילנא הוה פריש ענפוי**, -האט די בוים אויסגעשפרייט איר צווייגן- **וחפי על רישיה** -און צוגעדעקט יענעמ'ס קאפ- **ועביד עליה צלא יאה** -און געגעבן א שיינעם

שאטן– **ומאן דאתאחיד בסטרא דע״ז** –דער וואס איז געווען דבוק אין עו״ז– **ההוא אילנא הוה אסתלק וענפוי הוו סליקין לעילא,** –זענען די צווייגן ארויף אין די הויך–, **כדין הוו ידע אברהם ואזהיר ליה**–און אזוי האט אברהם געוואוסט ווער זענען די אורחים און זיי געגעבן מוסר. דעריבער זאגט רש״י דוקא דא תַּחַת הָאִילָן הידוע, ווייל דער בוים איז געווען א באוואוסטער בוים, און ווייל רש״י געווענטלאך ווען עס קומט צו תורת הנסתר, שרייבט רש״י דער פירוש נאר בדרך רמז, און האט דאס מרמז געווען תַּחַת הָאִילָן הידוע. (משכיל לדוד ר׳ דוד פארדו)

יעצט לויט דער זוהר הק׳ קען מען פארשטיין א מדרש פליאה וואס שטייט אין מדרש (תנחומא אות ד) אז אין זכות פון תַּחַת הָעֵץ האט דער אויבערשטער געגעבן פאר די קינדער פון אברהם די מצוה פון סוכה, וואס איז אויך פון עֵץ!! קומט דער זוהר און שרייבט דארט צום סוף: **ואודע ״מהימנותא״ לכל בני עלמא,** זעהט אז דער בוים איז געווען א **צילא דמהימנותא,** און עס שטייט אז די סוכה איז אויך **צילא דמהינותא** – זוהר (ח״ג קג א) **ועל דא כתיב כל האזרח בישראל ישבו בסוכות כל מאן דאיהו משרשא וגזעא קדישא דישראל ישבו בסוכות תחות ״צילא דמהימנותא״ ומאן דליתיה מגזעא ושרשא קדישא דישראל לא ישב בהו ויפיק גרמיה מתחות ״צילא דמהימנותא״ עכ״ל.** דעריבער איז גוט די מדרש אין זכות פון דעם בוים האט מען געגעבן כלל ישראל די מצוה פון סוכה. (בְשֵׁם מרדכי הר׳ ראבינאוויץ)

און אין ספר חקל יצחק מספינקא אויפן פסוק וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת הָעֵץ, פרעגט ער א קשיא לויט וואס תוס׳ (ר״ה דף יא ע״א) ד״ה אלא, זאגט, אז די מלאכים זענען געקומען צו אברהם אין סוכות, אויב אזוי איז שווער פארוואס האט אברהם נישט אריין געברענגט די אורחים אין סוכה און האט זיי נאר געברענגט אונטער א בוים? אבער לויטן זוה״ק איז שיין פארענטפערט, ווייל אברהם האט זיי געברענגט אונטערן בוים כדי צו זעהן ווי ערליך זענען די אורחים, אז מיר האלטן דא קען מען לויט תוס׳ פארשטיין די מדרש תנחומא דער שייכות פון די עץ צו מצות סוכה, ווייל די מעשה איז געווען אין סוכות, און איז געווען אונטער א בוים, דעריבער איז גוט די שייכות צו מצות סוכה ווייל עס איז געווען אין סוכות. (שמח זבולון תש״פ)

# פנינים לסוכות

**די פראווע פון סוכות איז פאר חשבון עוונות**

דער ריי״צ נ״ע ברענגט א סיפור פון הייליגן בעש״ט וואס האט געזען א איש פשוט און א עני ואביון וואס האט געהייסן דוד יהושע און דער בעש״ט איז געווארן שטארק בשמחה און זייער מקרב געווען דעם איד, האט דער בעש״ט געזאגט צו די תלמידים אז דער איד האט צוזאמען געקראצט פון א גאנץ יאר ארבעט א פאר גראשין און זיך געקויפט א אתרוג, זיין ווייב זעהענדיג די אתרוג, איז פון רוב צער פון אירע ארעמקייט האט זי געפסל׳ט דעם אתרוג, אבער דער מאן האט זיך מתגבר געווען אויף זיין כעס און געזאגט, אז פון הימל האט מען מיר געוויסן אז עס קומט מיר נישט צו האבן מיין אייגענעם אתרוג און האט דאס מקבל געווען באהבה! האט דער הייליגע בעש״ט געזאגט אז זיין נסיון איז געווען נאך גרעסער פון די נסיון העקידה ע״כ זעהט מען די גרויסקייט פון נישט ווערן אין כעס און וואס מען קען דערגרייכן.

און עס איז דא די באוואוסטער גמ׳ (עו״ז דף ג) וואס דער אויבערשטער וועט זאגן פאר די גויים לעתיד לבא מצוה קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה – די גויים זאלן מאכן סוכות און מיד כל אחד נוטל והולך ועושה סוכה בראש גגו והקדוש ברוך הוא מקדיר עליהם חמה בתקופת תמוז וכל אחד ואחד מבעט בסוכתו ויוצא שנא׳ (תהלים ב ג) נְנַתְּקָה אֶת מוֹסְרוֹתֵימוֹ וְנַשְׁלִיכָה מִמֶּנּוּ עֲבֹתֵימוֹ: די גויים וועלן ווערן אין כעס און אוועקווארפן זייער סוכה, איז משמע אז די אידן האבן זיך אזוי נישט געפירט, ווייל א איד אין די שווערסטע מצבים ווייסט ער אז דאס איז דער רצון ה׳ און איז מקבל באהבה, דאס קען זיין פשט אין ראשון לחשבון עוונות, ווייל כעס מאכט אז א מענטש זאל פארגעסן פון אויבערשטן און חלילה מען קען זינדיגן, אבער פון סוכה ווייזט דער רבש״ע אז מען דארף זיין רוהיג און נישט ווערן אין כעס אזוי ווי די גויים וועלן טאן לעת״ל, ממילא דער ביום הראשון פון סוכות וועט געבן דער מענטש דעם ריכטיגן חשבון ווי מען דארף דינען דעם אויבערשטן, אז מען דארף ארבטען אויף כעס און אזוי וועט מען קומען נאנט צום אויבערשטן, און אז מען איז נאנט צום אויבערשטן זינדיגט מען נישט, און דאס איז די ראשון לחשבון פון עוונות. (שמח זבולון תשפ״א)

**ווער זאל תשובה טאן?**

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ יְיָ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ מֶלֶךְ רַחֲמָן שֶׁתָּשׁוּב וּתְרַחֵם עָלֵינוּ: (מוסף שלש רגלים) עס איז א פלא: אז מיר זאגן צום מֶלֶךְ רַחֲמָן, דער אויבערשטער, אז ער זאל תשובה טאן, עס וואלט געפאסט נאר זאגן מֶלֶךְ רַחֲמָן שֶׁתְּרַחֵם עָלֵינוּ! ענטפערט דער הייליגער בארדיטשובער רב זיע״א אז מיר בעטן אז דער אויבערשטער זאל תשובה טאן און זיך מרחם זיין אויף אונז, דאס מיינט מֶלֶךְ רַחֲמָן שֶׁתָּשׁוּב, אז תְּרַחֵם עָלֵינוּ.

**פנינים לסוכות**

מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא: (דברים לב לט) זאגט דער יסוד העבודה פון סלונים, אז מען גייט אריין אין סוכה זענען די ווענט פון סוכה א רפואה פארן מענטש, און דאס שטייט אין פסוק מָחַצְתִּי: וואס מָחַצְתִּי איז א לשון פון מחיצה, מיינט מען די

ווענט פון סוכה, וַאֲנִי אֶרְפָּא, די סוכה וועט זיין פאר דיר א רפואה.

**פנינים לסוכות**

איינמאל אין סוכות האבן זיך געטראפן די הייליגע צדיקים הרה״ק ר׳ שמחה בונם מפאשיסחא און הרה״ק ר׳ שלמה ליב מלענטשנא, און האבן דַן געווען וועלכער מצוה איז גרעסער, שבת אדער סוכה, האט דער פאשיסחא געזאגט אז מצות סוכה איז גרעסער ווייל דאס איז דער איינציגסטער מצוה וואס מען גייט אריין אין דעם מיטן גאנצן גוף, אלע רמ״ח איבריו ושס״ה גידיו און מיט די שיך! האט אים ר׳ שלמה ליב געזאגט אז דאס איז א שטארקע טענה, אבער ער האלט אז שבת איז גרעסער ווייל אפילו א מענטש וועט גארנישט טאן פאר שבת, וועט דער שבת קומען צו אים, און כ״ש איינער וואס מאכט א הכנה פארן שבת וועט ער האבן א טעם גן עדן אין דעם שבת.

## א ווינקל אין הלכה און מנהג

**שיינע היקף טעם פון חילוק הנוסח אושפיזין לפי אריז״ל און אשכנז**

ביי כלל ישראל איז אנגענומען אז סוכות קומען די אושפיזין – אורחים – צו אונזערע סוכות און עס איז דא א סדר וועלכע טאג קומען דעם אושפיזא, און דעריבער לאדענט מען זיי איין און מען זאגט ווען מען קומט אין סוכה: **עוּלוּ** –קומט אריין– **אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין קַדִּישִׁין, עוּלוּ אֲבָהָן עִלָּאִין קַדִּישִׁין, לְמֵיתַב בְּצִלָּא דִמְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה, בְּצִלָּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא. לֵעוּל אַבְרָהָם רְחִימָא, וְעִמֵּיהּ יִצְחָק עֲקִידְתָא, וְעִמֵּיהּ יַעֲקֹב שְׁלֵמְתָא, וְעִמֵּיהּ יוֹסֵף צַדִּיקָא, וְעִמֵּיהּ מֹשֶׁה רַעְיָא מְהֵימְנָא, וְעִמֵּיהּ אַהֲרֹן כַּהֲנָא קַדִּישָׁא, וְעִמֵּיהּ דָּוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא. בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ, תִּיבוּ** –זעצט זיך אראפ– **אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין תִּיבוּ, תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזֵי מְהֵימְנוּתָא תִּיבוּ. תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין, תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין קַדִּישִׁין. תִּיבוּ תִּיבוּ אוּשְׁפִּיזִין דִּמְהֵימְנוּתָא, תִּיבוּ בְּצִלָּא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא.** אָן דערנאך זאגט מען: **אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב יוֹסֵף מֹשֶׁה אַהֲרֹן וְדָוִד**, דאס איז די סדר פון די אושפיזין וואס דער וועלט אין נוסח אשכנז פירן זיך אזוי צו זאגן, און באמת איז דאס דער ריכיגע סדר לויט די סדר הדורות אז יוסף איז פאַר משה. אבער דער הייליגער אריז״ל האט איינגעפירט דעם סדר אנדערשט: **אֲזַמִּין לִסְעוּדָתִי אוּשְׁפִּיזִין עִלָּאִין אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה אַהֲרֹן יוֹסֵף וְדָוִד**. אז יוסף איז נאך משה און אהרן. [און באמת על פי די סדר פון די זיבן ספירות וואס זענען חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות, –חג״ת נהי״ם– שטימט גוט דעם סדר פון אריז״ל, ווייל אברהם –איז חסד, יצחק – איז גבורה, יעקב – איז תפארת, משה – איז נצח, אהרן – איז הוד, יוסף – איז יסוד, דוד – איז מלכות. און בפרט אז יוסף איז משפיע די אלע השפעות אויף דעם וועלט אזוי ווי עס שטייט (בראשית מב ו) וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל־הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל־עַם הָאָרֶץ, און דוד איז דאך דער מקבל די השפעות און אלץ מלך טיילט ער דאס אויס, דעריבער שטייט יוסף גלייך פאר דוד. המו״ל]

נאר מיר ווייסן דעם כלל אלו ואלו דברי אלקים חיים, ממילא קענען מיר ברענגען א ראיה צו ביידע וועגן פון דעם זעלבן פסוק וואס שטייט אין (בראשית מ״ח ג) וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־יוֹסֵף אֵל שַׁדַּי נִרְאָה אֵלַי, דא שטייט דער סדר יעקב נאכדעם יוסף, און א–ל שדי איז די בגימטריא: משה = 345, און דערווארט נראה איז די אותיות אהרן. זעהט מען אין פסוק דעם סדר יעקב יוסף משה אהרן. דעם זעלבן פסוק איז אויך דא מרומז שיטת האריז״ל ווייל וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־יוֹסֵף, יעקב זאגט צו יוסף "אֵ–ל שַׁדַּי נִרְאָה" וואס דאס איז משה און אהרן ווי פריערט געזאגט, אז זיי געהער אֵלַי, צו מיר, דאס מיינט נאך מיר זאלן זיין משה און אהרן און נאכדעם יוסף. ממילא ביידע שיטות זענען גערעכט. (מעובד ע״י שמח זבולון תשפ״ג)

# מדור העובדות לסוכות

## געהאלפן דעם גרויסע ר׳ אשר מסטאלין זצוק״ל מיט א סוכה און באקומען אריכות ימים *כ״ו תשרי*

דער הייליגער ר׳ אשר מסטאלין זצוק״ל איז געבוירן געווארן צו זיין הייליגן טאטן הרה״ק ר׳ אהרן הגדול מקארלין זצוק״ל תק״כ, און איז געבליבן א יתום פון זיין טאטן ביי צוועלף יאר ווען ר׳ אהרן הגדול איז פלוצלינג נסתלק געווארן י״ט ניסן תקל״ב. ר׳ אשר איז געהאדעוועט געווארן ביי הרה״ק ר׳ שלמה קארלינער וואס איז געווען א תלמיד פון ר׳ אהרן הגדול, און ער איז געווען זיין ממלא מקום ביז כ״ב תמוז תקנ״ב ווען ר ׳שלמה איז געהרגעט געווארן דורך א גוי זייענדיג אלט צוויי און פופציג יאר און צדיקים האבן געזאגט אויף אים ער איז געווען משיח בן יוסף, וואס עס איז מקובל אז ער דארף אומקומען דורך א גוי. ר׳ אשר איז געפארן צו הונדערט און צען צדיקים. ר׳ אשר האט געפירט די הנהגת החסידות ביז זיין הסתלקות כ״ו תשרי תקפ״ז.

די הוצאות זענען געווען גרוים און דעריבער פלעגט דער גרויסע סטאלינער אסאך ארום פארן שאפן געלט פארן הויף. איינמאל איז אויסגעקומען אז ער איז געווען אויף א ווייטע נסיעה און האט געמוזט דארטן בלייבן אויף סוכות. אין יענע שטאט איז געווען איין סוכה פאר די גאנצע שטאט און יענע יאר איז געווארן זייער קאלט פרי און די דאך פון די סוכה איז געווארן צוגעדעקט מיט א שטיק דיקע אייז און עס איז נישט געווען מעגלאך אויף צו עפענען די דאך כדי מען זאל קענען נוצן די סכך. ווען די גרויסער סטאלינער האט געפרעגט וועגן די מצב פון סוכות אין שטעטל האט מען אים דערציילט די שלעכטע נייעס פון די איינציגסטע סוכה וואס מען וועט אים נישט קענען נוצן! דער רבין איז געגאנגען צו די סוכה און דאס באטראכט און גענומען וויינען און געווען שטארק צובראכן, אין שטאט האט מען זיך דערוואוסט אז דער רבי וויל זיין מיט זיי סוכות, אבער ער איז זייער צובראכן ביי זיך זאגענדיג אז ער

וועט נישט קענען אויסהאלטן סוכות אן א סוכה!

דארט אין שטאט איז געווען א יונגערמאן א גיבור וואס איז געקומען צום רבין און געזאגט אז ער וועט ערליידיגן אז די סוכה זאל זיין גרייט אויף יו"ט, דער יונגערמאן איז ארויף אויפן דאך און פרובירט מיט זיין גאנצן כח צו זען וואס ער קען טאן אבער ער האט געזען ווי דיק די אייז איז, און פארשטאנען אז ער אליין וועט דאס נישט קענען מאכן, האט ער גערופן אסאך חברים וואס זענען געקומען העלפן האקן די אייז אין די שטארקע קעלט און אזוי וועט דאס ווערן גרינגער פאר די יונגערמאן דאס צו ערליידיגן. זיינע חברים האבן געהאלפן אבער די קעלט איז געווען צו שווער און זיי זענען אוועק געגאנגען.

דער יונגערמאן האט זייער שטארק געוואלט העלפן דעם רבין און מחליט געווען ער גייט מיט מסירת נפש דאס טאן, און ער האט גענומען האקן און ער האט געשוויצט אין די גרויסע קעלט ביז ענדע האט ער מצליח געווען אראפ צו ווארפן די אייז פון די דאך און ער האט געעפנט דעם דאך, און עס איז געווען כשרע סכך אויפן סוכה, און דער גרויסער סטאלינער האט זיך זייער געפרייט און אים געדאנקט פאר זיין מסירת נפש.

א מענטש איז נאר א מענטש און דעם שוויצן אין דעם פארפרוירערנעם וועטער האט געווירקט אויפן גיבור אז ער האט באקומען הויכע היץ און א לונגן אנצינדונג און פארלוירן זיינע כוחות און נישט געקענט ארויסגיין פון בעט, מען איז געגאנגען אים מזכיר זיין ביים גרויסע סטאלינער וואס האט געהערט און זיך אינטערעסירט אויף זיין מצב אבער ער האט גארנישט געוואונטשן. דערווייל האט זיך אנגערוקט דעם יו"ט סוכות און דער רבי הייסט אז מען זאל ברענגען דעם יונגערמאן צו די סוכה ווייל ער וויל מאכן מיט אים די ברכה לישב בסוכה, און עסן מיט אים די ערשטע כזית אין סוכה צוזאמען מיט אים.

דער יונגערמאן האט זיך זייער געפריידט ווען ער האט באקומען דעם איינלאדענונג פון רבין, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים דארטן ברענגען מיט זיין בעט ווייל ער האט נישט געהאט קיין שום כח צו שטיין אויף די פיס. דער גרויסער סטאלינער האט געווארט און ווען דער יונגערמאן איז אנגעקומען אין סוכה איז דער רבין אים געגאנגען מקבל פנים זיין מיט גרוים שמחה און אים יעצט שטארק געדאנקט אויף זיין געוואלדיגע טרחה און מסירת נפש אז עס זאל זיין א סוכה. פארשטייט זיך אז דער יונגערמאן איז געווארן גייסטיש געשטארקט אבער געזאגט פארן רבין, אלעם איז גוט אבער דער רבי זעהט דאך וואס עס האט מיר געברענגט! רופט זיך אן דער רבין "שרעק זיך נישט, דארפסט נישט דאגה'ן דו וועסט זיין אי"ה אינגאנצן געזונט.

דער יונגערמאן הערט די ווערטער איז ער געווארן בארוהיגט און דער רבי בעט אז מען זאל ארויסנעמען דעם יונגערמאן פון בעט און ער זאל זיך זעצן לעבן רבין און דער רבי האט אים אנגעגאסן א כוס וויין, און אים געהייסן מאכן קידוש און מאכן א לישב בסוכה, און ב"ה פון מינוט צו מינוט פילט דער יונגערמאן אז זיינע כוחות קומען אים צוריק, דער רבי האט געלייגט לחם משנה פאר אים און געבעטן אז ער זאל עסן, און ער פילט שוין אסאך בעסער.

נאכן בענטשן האט אים דער רבי ווייטער געגעבן א ברכה, און דער יונגערמאן איז אהיים פילנדיג אסאך בעסער, און ביז ענדע סוכות איז ער געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט. נאך סוכות ווען דער רבי האט געוואלט אהיים פארן, האט ער זיך געזעגנט פון די שטאט'סלייט און דער יונגערמאן איז געקומען שוין א געזונטער אינגאנצן מיט די פולע כוחות, און דער רבי האט אים געוואונטשן מיט אריכות ימים און עשירות און נחת פון די קינדער, אין זכות פון זיין מסירת נפש.

דערציילט הרה"ח ר' נחמן יוסף ווילהעלם זצ"ל דער שווער פון הרה"ק ר' יוחנן פון רחמיסטריווקא פון ירושלים זצוק"ל, אז ער איז געווען אין סטאלין תרנ"ב און האט זיך געטראפן מיט דעם איד וואס איז געקומען נעמען א ברכה ביים הייליגן רבין דער אור ישראל פון סטאלין זצוק"ל, און דער איד איז שוין געווען אסאך אריבער די הונדערט יאר. און ער האט אויך זוכה געווען צו עשירות מופלגת, און גאר חשובע קינדער, אלעם אין זכות פון זיין מסירת נפש זיע"א.

## *דורך א אתרוג איז הרה"ק ר' פינחס מקאריץ זצוק"ל מפורסם געווארן*

הרה"ק רבי פינחס מקאריץ זצוק"ל איז געווען זייער באהאלטן און נישט געוויזן וואס ער קען, און האט געלעבט מיט גרויס דחקות און געדינט דעם אויבערשטן, קיינער האט נישט געקוקט אויף אים, זיין ווייב האט געלעבט פון וואס אידן בני רחמנים האבן איר געברענגט און אזוי איז אנגעגאנגען עטליכע יאר.

איין יאר איז געווען א גאר שווערע ווינטער און די אתרוגים האבן נישט געוואקסן און די ביסל וואס זענען יא געווען זענען געווען מיט לעכער אז מען האט נישט געקענט נוצן די אתרוגים, זענען ארוים געפארן סוחרים אבער אויך נישט מצליח געווען צו טרעפן. און די אידן אין קאריץ זענען געווען צובראכן אז זיי וועלן נישט קענען מקיים זיין די מצוה פון אתרוג, און ווען ר' פינחס האט געהערט אז דער עולם איז באזארגט האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן און געזאגט זיי זאלן זיך נישט זארגן ווייל ער וועט האבן א אתרוג אויף יו"ט דעם יאר.

דער עולם האט זיך געוואונדערט אויף די ווערטער ווייל מען האט נישט געהאלטן אז ער איז גרויס, און עס איז געווארן א געלעכטער ביי די מענטשן, אבער ר' פינחס זאגט ווייטער אז ער וועט האבן א שיינעם אתרוג דעם יאר, און זיי האבן געלאכט פון אים נאך וואס די גרויסע גבירים האבן זיך נישט ערלויבט צו באקומען א אתרוג, און ווי אזוי וועט דער עני ואביון באקומען א אתרוג? אבער ר' פינחס כאפט נישט קיין התפעלות און ווערט נישט געטשעפעט און זאגט איך ער וועט האבן א שיינעם אתרוג דעם יאר, און איז צוריק געגאנגען צו זיין גמרא און זיך אריינגעלייגט אין א טיפע סוגיא.

עס איז שוין געווארן די הייליגע טעג און עס האט געלונגען פאר עפעס א גביר צו באקומען א כשרן אתרוג פאר גאר טייער און די שטאט האבן זיך כאטש בארוהיגט אז זיי וועלן קענען מקיים זיין די מצוה, נענטער צו סוכות האבן די מענטשן געפרעגט ר' פינחס צו ער האט שוין זיין אתרוג? האט ער געענטפערט אז בעזה"י ער וועט נאך האבן גאר א שיינעם אתרוג דעם יאר, יו"ט אינדערפרי האט ר' פינחס נאך נישט געהאט קיין אתרוג אבער ער האט געהאלטן ביי זיינס אז ער וועט נאך האבן א אתרוג, אבער מען האט געלאכט פון ר' פינחס.

דער עולם האט שוין געענדיגט שחרית און ר' פינחס האט נאר אויסגעלאזט שמונה עשרה, ווען א גוי איז אנגעקומען אין שוהל און זוכט ר' פינחס און גיט אים איבער א געבינדענעם לולב מיט א אתרוג הדר, און ר' פינחס איז געגאנגען אין סוכה און געמאכט די ברכה און די נענועים מיט גרוים שמחה של מצוה. ער איז אריין אין שוהל מיט די ד' מינים און דער עולם קוקט און זעהט אז ר' פינחס האט טאקע א אתרוג און א גאר מהודר'דיגע, און מען האט באקומען חרטה אויף וואס מען האט אפגעלאכט פון ר' פינחס. נאכן דאווענען זענען זיי אלע געגאנגען איבערבעטן ר' פינחס און ער האט אלעמען מוחל געווען און גאר געלאזט אז מען זאל שאקלען מיט זיין אתרוג און עס איז געווען א מחזה צו זעהן ווי אין איין מינוט איז געווארן זייער קוק אויף ר' פינחס גאר אנדערש, ווייל נישט נאר האט ער באקומען זיין אתרוג, נאר ער האט נאך אלעמען געלאזט דאס נוצן וואס דאס האט באוויזן אז ר' פינחס איז נישט קיין פשוטער מענטש.

נאך יו"ט האט מען געפרעגט ר' פינחס ווי אזוי האט ער טאקע באקומען א אתרוג? האט ער דערציילט אז ער האט א ידיד אין זאסלאב וואס ער קען אים נאך פון מעזריטש ביים הייליגן מגיד, און ער קומט כסדר פאר א ברכה פאר ער פארט אויף מסחר, אזוי ווי ער איז געווען ביי מיר גלייך נאך פסח, און ער האט געדארפט פארן אויף א יריד אין א אנדער מדינה גאר ווייט פון דא, האב איך אים אנגעוואונטשן, און צו געלייגט אז ווען ער איז דארטן זאל ער אפזוכן א פאר שיינע אתרוגים, און אוועק לייגן פאר אים און אויך זאל ער מיר שיקן א אתרוג אויף סוכות, און ער האט צוגעזאגט.

פארשטייט זיך אז ער האט זיך שטארק געוואונדערט וועגן וואס דארף ער זארגן פאר א אתרוג שוין גלייך נאך פסח, אבער ער האט געהאט אמונה אין מיינע רייד און האט געזוכט אין יענע מדינה און געטראפן א פאר שיינע אתרוגים און עס איז שוין געווען חודש אלול, און ער האט זיך צוריק געקערט אהיים צו זיין שטוב און געהאפט אז ער וועט מיר קענען אליין ברענגען דעם אתרוג, אבער עס האט זיך געמאכט אפאר שטרויכלונגן אין וועג אז ער איז נאר אנגעקומען אהיים א טאג פאר ערב סוכות.

עס איז נישט געווען מעגלאך אז ער זאל אליין קענען קומען ברענגען דעם אתרוג און לולב, האט ער דאס אלעם געבונדען מיט די הדסים און ערבות און גוט געפאקט און דאס געשיקט מיט א גוי ער זאל עס מיר דאס ברענגען. און דאס אלעם האט ר' פינחס געזען מיט זיין הייליגע אויגן! דער עולם איז געווארן אנציגט אויף די אפענע רוח הקודש פון ר' פינחס, און מען האט אים מקבל געווען פאר זייער רבי, און אזוי איז ר' פינחס מקאריץ מפורסם געווארן און האט שוין געהאט פרנסה בשפע און מען איז געקומען צו אים פון אומעטום, און ער איז געווען א פועל ישועות, און געהאט אסאך חסידים, זיע"א

## גערעטעוועט דעם אתרוג מיט א פשעטל

אין די הקדמה פון ספר "עמודי אש  לבית יוסף", (מונקאטש תרצ"ט) פון הגאון ר' יוסף לייכטאג, ווערט געברענגט אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט פאסירט אין די תקופה פונעם הייליגן "חוזה" פון לובלין זי"ע. איין יאהר איז געווען א מצב פון מלחמה, און די אתרוגים סוחרים האבן נישט געקענט אריינברענגען קיין פולין גענוג אתרוגים ווי געוועהנטלאך, עס האט געהערשט א מאנגל, און די פרייזן פון אתרוגים זענען געשטיגן זייער הויך, אז פאר א פשוטער אתרוג האבן די סוחרים פארלאנגט הונדערט רובל,

די גדולי ישראל אין פולין האבן געמאכט אן אסיפה, און מען האט גוזר געווען אז יעדער קהלה מעג קויפן נאר איין אתרוג פון זייער קאסע, די תקנה האט געשלאגן ווארצלן אין אלע קהלות, און במשך די עשרת ימי תשובה האט מען אין יעדער שטאט געקויפט נאר איין אתרוג און דאס איבערגעגעבן פארן רב. עס איז באשטימט געווארן א סדר אז פריער וועט דער רב בענטשן אויפן אתרוג, און דערנאך די ראשי הקהלה, און דערנאך דעם גאנצן קהל, און ביי הלל וועט נאר דער שליח ציבור און דער רב מאכן די נענועים,און אויסער זיי קיינער נישט, כדי דער אתרוג זאל זיך האלטן,דער הייליגער "חוזה מלובלין זי"ע האט אבער פארמאגט זיין אייגענעם אתרוג וואס א חסיד האט אים געשיקט פון דייטשלאנד, נאך איידער די תקנה פון די גדולי הדור איז ארויסגעקומען, ווי נאר דער רב פון  שטאט לובלין הגאון רבי עזריאל הורוויץ, דער אייזערנער קאפ, האט זיך ערב יום כיפור דערוואוסט דערפון, האט ער געשיקט זאגן פארן "חוזה" פון לובלין אז אלס רב פון שטאט אסרט ער אים  זיך צו באנוצן מיט זיין אייגענעם אתרוג, צוליב די תקנה,פארשטייט זיך אז דער הייליגער  חוזה האט געהאט גרויס צער פון דעם, אז ער האט זיך נישט גענוג געקענט זיך צוזאמען נעמן צו גיין צו די ערב יום כיפור סעודה צוליב די עגמת נפש פון זיין אתרוג.עס איז דעמאלט געווען אין לובלין הגאון רבי יוסף ליכטאג פון זבארוב, באקאנט אלס "רבי יוסל  חריף", פון די חשובע תלמידים פון

ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק נ"י

חוזה, און רבי יוסף האט זיך אנגערופן אז דער רבי זאל זיך נישט זארגן, ער וועט ערליידיגן די זאך מיטן רב פון שטאט רבי יוסל חריף האט זיך געאיילט צום אייזערנעם קאפ, און אים געזאגט אז דער רב האט פארזען א בפירושע סוגיא אין די גמרא (חולין יז.) ווי די גמרא דערציילט אז די אידן אין מדבר האבן נישט געדארפט שחטן זייערע בהמות, מ'האט נאר געמאכט 'נחירה' וואס דאס איז א וועג ווי אזוי מען 'שניידט אויף די בהמה, און ערשט נאר ווען די אידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל זענען זיי געווארן מחוייב צו שחטן מיט א כשרע שחיטה ווי די תורה הייסט, האט רבי ירמיה געפרעגט אן איבעיא, וואס איז מיט די מענטשן וואס האבן נאך ביי זיך פלייש פון מדבר וואס מען האט נישט געשחטן, און ברענגען דאס פלייש אריין קיין ארץ ישראל, צו מעגן זיי דאס עסן אין ארץ ישראל (וויבאלד די פלייש איז געמאכט מיט נחירה וואס מען האט דאס געמעגט אין מדבר) אדער די פלייש פון פריערט ווערט אסור צו עסן איינמאהל מען קומט אריין אין ארץ ישראל? פרעגט דער הייליגער רא"ש אויפן פלאץ (סימן כ"ג) וואס איז אונז א נפקא מינא דעם שאלה פון רבי ירמיה וואס האט פאסירט ווען מען איז אריין קיין ארץ ישראל, און עס איז היינט שוין נישט נוגע למעשה, און פארוואס ברענגט דאס די גמרא? ענטפערט דער רא"ש אז באמת קען

עס זיין נוגע אויך אין די שפעטערדיגע דורות, אויב עס וועט אמאל קומען א בית דין און איינפיהרן א געוויסער איסור אויף א מאכל, קען אבער זיין אז די מענטשן וואס האבן דאס שוין געהאט דעם מאכל איידער די חכמים האבן מתקן געווען זייער תקנה, וועט דער דין זיין אז זיי וועלן נאך דאס ווייטער מעגן עסן ווייל זיי האבן דאס שוין געהאט ביי זיך בשעת עס איז נאך געווען מותר, און מיט די ווערטער פון רא"ש האט רבי יוסל חריף זיך מפלפל געווען מיטן אייזערנע קאפ, ביז צום סוף האט ער מודה געווען אז מען קען טאקע נישט אסרן דעם אתרוג פון רבין וואס ער האט שוין געהאט פון פריער. ווי נאר רבי יוסל האט זיך צוריק געקערט, האט זיך דער "חוזה" זייער געפריידט צו אים און אויסגערופן "יוסף בן לייצא" דו האסט אונז דערלייכטן די אויגן"! און מען האט זיך געזעצט צו די סעודה פון ערב יום כיפור מיט גרויס פרייד, פון דעמאלט אן האט רבי יוסל געהאט א גרויסע חשיבות ביים חוזה מלובלין, און פלעגט אים שטענדיג זיצן פון די ערשטע ביי זיין טיש.

## נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט..

ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט געוואלט בויען זיין הייליגע שוהל אין שטאט בעלזא, האט ער געטראפן א פלאץ אבער דאס האט באלאנגט צום מושל וואס איז געווען א שונא ישראל, אבער זיין איידעם האט שטארק געשעצטדעם רב און אויך נישט ליב געהאט זיין שווער און ער האט אפגעקויפט פון זיין שווער דאס פלאץ, און מודיע געווען פארן רב, און דער רב האט אים געבענטשט אז ער זאל שטייגן הויך אין זיין אמט, און אין א קורצע צייט איז דער איידעם געווארן דער מושל פון שטאט, אבער ביז מען האט געשאפט די געלט פארן פלאץ האט מען זיך דערוואוסט אז די פלאץ האט באלאנגט דערווייל האט מען זיך דערוואוסט אז צום מושל האט נאר באלאנגט א האלבע טייל און די אנדערע טייל האט באלאגט צו צוויי שותפים, א איד מיט א גוי, מען פריערט פארהאנדלט מיטן גוי, וואס האט גלייך מסכים געווען צו פארקויפן זיין חלק, אבער דער איד האט זיך פארעקשנט און נישט געוואלט פארקויפן זיין חלק, און הערנדיג אז דער גוי וויל יא פארקויפן זיין חלק האט ער דאס גלייך אפגעקויפט פון גוי, און ער איז געווארן דער אייגענטומער פון זייער חלק, ווען מען איז געקומען בעטן דער איד צו פארקויפן זיין האלב האט ער נישט געוואלט, אבער ווען האט אים אנפלעקט אז מען דארף דאס פאר דעם בעלזא רב צו בויען זיין הייליגע שוהל, האט ער מסכים געווען אבער בתנאי, אז דער שר שלום זאל אים צוזאגן עשירות און גוטע קינדער, אבער דער שר שלום האט נישט געוואלט מסכים זיין צו דעם תנאי, און דער איד האט נישט נאכגעגעבן, און דעם חלק איז געבליבן ביי אים.עטליכע יאהר שפעטער, איז דער איד געקומען אין די סוכה ווען דער שר שלום האט געפירט טיש לכבוד די אושפיזא פון יוסף הצדיק און געטיילט פאר יעדן "פרנסה ברויט", דער איד איז אויך געשטאנען אין די שורה צו נעמען פון די "שווארצע ברויט", אבער פאר ער האט אים געגעבן די ברויט האט אים דער רב געזאגט: עס שטייט (מקץ מ"ב ו) וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר לְכָל עַם הָאָרֶץ, אויב מיינסטו אז דאס איז נאר געווען דעמאלט אין יענע יארן, זאלסטו וויסן, אז די תורה דערציילט אונז אז יוסף הצדיק האט משפיע געווען פרנסה און שפע, האט זיך דאס נישט אויפגעהערט, נאר יעדן יאר, ווען די אושפיזין קומען אין די סוכה פון יעדן איד, קומען זיי נישט מיט ליידיגע הענט נאר זיי ברענגען מיט זיך מתנות, אברהם ברענגט חסד, יצחק ברענגט גבורה און אזוי יעדער אויף זיין דרך, און יוסף הצדיק ברענגט פרנסה פאר כלל ישראל, און דער שר שלום האט אים

געגעבן א שטיקל "שווארצע ברויט" און אויסגעפירט, "נעם דיר א מתנה וואס יוסף הצדיק האט געברענגט און פון דעם וועסטו האבן שיינע פרנסה"! דער איד האט פארשטאנען אז ער האט יעצט באקומען א ברכה פאר עשירות אויף זיין גאנצן לעבן, האט ער באלד מסכים געווען צו פארקויפן זיינחלק פארן רב, אין דעם קומענדיגע חנוכה האט דער איד אפגעקויפט אלע תבואה פעלדער אין די ווייטע שטעט ארום בעלזא, און די גאנצע תבואה וואס איז געוואקסן אין די פעלדער פון לעמבערג, זלאטשוב, און ארום, אזוי איז דער איד רייך געווארן פון די ברכה פון שר שלום, און ער האט אליין געלאזט קאסטן מיט גאר גרויסע געלטער פארן אויפבוי פון די הייליגע בעלזער שוהל. (יחיד בדורו – מועדי קדשיך)

## דער בעלזא רב האט נישט געוואלט א אתרוג וועגן עני המהפך בחררה

אגב האט דערציילט הרה"ח ר' מאיר שטיין ע"ה ווען ער איז געגאנגען זוכן א אתרוג פאר הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זצוק"ל, דער זון פון הייליגן דברי חיים פון צאנז: ווען דער אתרוג סוחר איז אנגעקומען קיין בודאפעסט, מיט זיינע עטליכע שיינע אתרוגים, האט ער באשלאסן אז דער שענסטער אתרוג וועט ער פארקויפן נאר פארן רבין פון ראצפערט.

ווען הרה"ק מראצפערט, האט דאס געהערט אז דערסוחרהאט אים געברענגט א שינעם אתרוג, איז ער געפארן קיין בודאפעסט כדי צו קויפן דעם אתרוג, אבער ווען ער איז אנגעקומען אהין, האט דער סוחר געבעטן א הויכע פרייז פון צוועלף טויזנט רייניש, רופט זיך אן הרה"ק מראצפערט צו אים: "יעך געב נישט מער ווי צען טויזנט רייניש!" אבער דער סוחר האט זיך נישט דערשראקן און זיך געהאלטן פעסט מיט זיין פרייז.

זענדיג דאס האט הרה"ק מראצפערט באלד פארלאזט דאס פלאץ, אבער באלד דערנאך זענען אריינגעקומען עטליכע בעלזער חסידים צום סוחר און אים געפרעגט וויפיל ער בעט פאר זיין שענסטן אתרוג? האט ער זיי געענטפערט צוועלף טויזנט רייניש. האבן די חסידים אנגעקוקט דעם אתרוג און גלייך באצאלט די צוועלף טויזנט רייניש און געקויפט דעם אתרוג פאר כ"ק מרן מהר"א מבעלזא זי"ע.

ווען הרה"ק מראצפערט, האט דאס געהערט האט ער גלייך געשיקט צוויי שליחים (איינער פון זיי החסיד ר' דוד יהושע גראס ז"ל) צום בעלזא רב זי"ע, און זיי געהייסן זאגן פאר אים, אז דעראתרוג האט א דין פון א 'עני המהפך בחררה ובא אחר ונטלו' (עי' שו"ע חו"מ סי' רלז ס"א). אויב א ארימאן זוכט צו נעמען א קיכל און איינער כאפט אים אויס איז ער א רשע, אבער אזוי ווי די שליחים פון הרה"ק מראצפערט זענען נאר אריין געקומען אין צימער פון בעלזא רב, און נאך איידער זיי האבן עפעס געקענט זאגן, האט דער רב גלייך גענומען דעם אתרוג און דאס געגעבן פאר די שליחים פון הרה"ק מראצפערט, אן זאגן א ווארט. דא האט מען געזען די אפענעם רוח הקודש פון צדיק, וואס באלאנגט נישט צו אים וויל ער נישט! (ספר "שיח זקנים" ח"ה עמ' שג)

## פון וואו זענען געקומען די אתרוגים איבערנאכט

איין זומער איז געווען אין פולין א זייער קאלטער וועטער און אין ווארשא איז נישט געווען צו באקומען אתרוגים און עס האט זיך דערנענטערט דעם יום טוב סוכות און מען זוכט עצות וואס צו טאן, דערווייל איז געווען א גוי א כיטרא סוחר וואס האט געוואוסט ווי אזוי צו שאפן אתרוגים און ער האט געוואוסט אז דא אין ווארשא וועט ער קענען זייער שיין פארדינען, ער האט געדונגען א געשעפט און ארויס געלאזט א מעלדונג אז ביי אים איז דא צו פארקויפן אתרוגים. דער עולם איז געווארן פרייליך אז מען וועט האבן אתרוגים אויף יו"ט אבער ווען די ערשטע אידן האבן אויס געקליבן זייערע אתרוגים האט דער גוי געבעטן א גאר הויכן פרייז, און ווען די אידן האבן זיך געטענה'ט מיט אים האט דאס נישט געהאלפן, זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה און ווען זיי האבן מסכים געווען צו באצאלן די הויכע פרייז האט די גוי געזען אז די אידן זענען גענויטיגט אין זיין סחורה, האט דער גוי שוין געבעטן א העכערן פרייז, די אידן האבן געזען מיט וועמען זיי האנדלען און זענען ארויס געגאנגען, אזוי האבן פרובירט אנדערע צו האנדלען מיטן גוי און האבן שוין מסכים געווען אויפן הויכן פרייז אבער דער גוי איז אלץ געגאנגען העכער און העכער.

אלע האבן שוין געהערט פון דער גויאישער סוחר און געוואוסט אז מען האט נישט מיט וועמען צו רעדן. זענען די ראש הקהל געגאנגען צום הייליגן חידושי הרי"ם פון גור זוכן א עצה וואס צו טאן און ווי אזוי באקומט מען אתרוגים אויף יו"ט א פָאר טעג פַאר סוכות! דער רבי האט געטראכט און געזאגט ער האט א פלאן, מען זאל שנעל רופן די אלע אתרוגים סוחרים פון ווארשא זאלן קומען צו אים ווייל ער האט א עצה ווי צו לייזן דעם פראבלעם פון גוי און זיינע אתרוגים! שנעל זענען געקומען די סוחרים און דער רבי האט זיי געגעבן א עצה וואס זיי זאלן טאן אבער קיינער טאר נישט וויסן פון דעם פלאן נאר זיי אליין. די סוחרים זענען ארויס זייער צופרידן מיטן פלאן און שנעל גענומען צו די ארבעט,

אינדערפרי זענען געווען אויס געשטעלט אין די פענסטער'ס פון די אידישע אתרוגים געשעפטן פול מיט גאר שיינע אתרוגים, די געשעפטן

זענען נאך געווען פארמאכט לויטן באפעל פון רבי'ן נאר צו עפענען 11 אזייגער. אבער די פענסטער'ס זענען שוין געווען אוים געשטעלט פון גאר פרי. מענטשן פון ווארשא שפאצירן גיין דאווענען און לערנען און אלע זעען די שיינע אתרוגים אין די פענסטער'ס פון די געשעפטן, בליץ שנעל זענען די אידן פון ווארשא געווארן פריילאך אז ענדע וועלן זיי האבן א אתרוג דעם יאר און מיט א נארמאלן פרייז. די שמיעה איז אויך אנגעקומען צו דעם גויאישן סוחר און ער אליין איז געגאנגען קוקן אין די פענסטער'ס און זעעט טאקע גאר שיינע אתרוגים, עס ווערט אים שלעכט ווייל יעצט נישט נאר וואס ער האט זיך בַאנַעִרישט און געבעטן אלעמאל א העכערן פרייז און דערווייל גארנישט פארקויפט און יעצט שטייט ער בכלל צו דערלייגן אלעם ווייל קיינער וועט נישט קויפן א אתרוג ביי אים בשעת די אידישע סוחרים האבן גענוג סחורה!

ער האט געעפנט זיין געשעפט און א פאר אידישער סוחרים זענען אריין צום גוי מיט געלט און אים געפרעגט אויב ער וויל פארקויפן זיין סחורה? האט ער זיין שטאלץ געבראכן און געזאגט אויב איינער וועט אים געבן חאטש וואס ער האט אריינגעלייגט אין געשעפט איז ער מסכים דאס צו טאן! די אידישע סוחרים האבן מסכים געווען און אפגעקויפט ביים גוי אלע זיינע אתרוגים, און דער גוי איז אנטלאפן פון ווארשא פרייענדיג זיך אז ער האט נישט דערלייגט זיין געלט. יעצט האט שוין די שטאט ווארשא באקומען גענוג אתרוגים און דער הייליגער חידושי הרי"ם האט אויך באקומען א אתרוג הדר.

נאך סוכות האבן די סוחרים דערציילט וואס איז געווען די קלוגע עצה פון רבין ווי אזוי מען צוברעכט דעם גוי. דער רבי האט געהייסן די סוחרים זאלן נעמען מיינסטער'ס וואס זאלן מאכן אתרוגים פון האלץ און דאס פארבן אז זיי זאלן אויסזען ווי אמת'ע אתרוגים און די פאלשע אתרוגים זאלן זיין אין די פענסטער'ס פון גאר פרי כדי אלע זאלן זען אז עס זענען דא אתרוגים און מען האט נישט געמעגט עפענען די געשעפטן ווייל מען זאל נישט באטראכטן די אתרוגים און גלייך זען אז זיי זענען האלץ און דער גוי וועט זיך דערוויסן, אבער נאך וואס דער גוי האט אליין געזען אז אתרוגים זענען אין די פענטסטער'ס איז אים נישט איינגעפאלן אז די אתרוגים זענען פון האלץ, און אזוי האט ער זיך געבראכן און די סוחרים האבן באקומען אתרוגים צו פארקויפן פאר זייערע קונים. אזוי מיטן חכמה פון דעם חידושי הרי"ם האט ווארשא געקענט מקיים זיין די ד' מינים בהידורו זיע"א.

## *דער הייליגער צאנזער רב באקומט א פיש אנשטאט א אתרוג*

איין יאר האט זיך געמאכט א מאנגעל פון שיינע אתרוגים און אלע אתרוגים וואס מען האט געברענגט פארן הייליגן דברי חיים מצאנז זצוק"ל האט אים נישט געפעלן, זענען געגאנגען די געטרייע גבאים און גענומען צוויי חשובע שלוחים און זיי געבעטן פָארן אין די גרעסערע שטעט און אפזוכן פארן רבין גאר א שיינעם אתרוג, מען האט מיט געגעבן א גרויסע סכום געלט און געהאפט אז זיי וועלן עפעס טרעפן, דער אויבערשטער האט זיי גלייך צו געשיקט א גאר מהודר'דיגן אתרוג. מען האט געבעטן א הוֹן רב פארן אתרוג און זיי האבן זיך נישט געדונגען און געפריידט אז זיי האבן א שיינעם אתרוג פארן דברי חיים.

אויפן וועג אהיים האבן זיי זיך אפגעשטעלט ביי א דארפס איד וואס האט געהאנדלט מיט לעבעדיגע פיש און איז געווען א גרויסער עושר און אים דערציילט וועגן די שיינע אתרוג וואס זיי האבן געקויפט פארן צאנזער רב, און ווען די שלוחים האבן דערזען די פיש האבן זיי זיך דערמאנט אז אין צאנז איז דעמאלטס נישט געווען קיין פיש און מען האט געמוזט עסן געזאלצענע הערינג פאר די סעודות יו"ט. דעריבער האבן די שלוחים געבעטן אויב זיי קענען קויפן אפאר לעבעדיגע פיש און אויך מהנה זיין דעם רבין מיט פיש אויף יו"ט, אבער דער איד ענטפערט אז יעצט איז דא ווייניג פיש און ער קען זיי נישט פארקויפן.

זיי האבן אים שטארק איינגעבעטן און פארגעלייגט א גרויסע סכום געלט אבער ער האט געענטפערט אים פעלט נישט קיין געלט נאר אויב זיי ווילן האט ער גאר א גרויסער לעבעדיגע פיש וואס וועט זיין גענוג פאר גאנץ יו"ט און ער וועט דאס זיי געבן אנשטאט דעם אתרוג, די שלוחים האבן געמאכט א חשבון אז דעם ערשטן טאג סוכות איז סיי ווי שבת, און פיש אויף יו"ט איז א גרויסע חשיבות און זיי האבן מסכים געווען צום געשעפט. זיי האבן געלייגט דער לעבעדיגער פיש אין א גרויסער פאס מיט וואסער אויפן וואגן.

ווען די שלוחים זענען אנגעקומען קיין צאנז זענען אנקעגן געגאנגען די גבאים און די חסידים ווילענדיג זען דעם שיינעם אתרוג פארן רבין אבער די שלוחים האבן זיי געזאגט די בשורה טובה פון דעם גרויסן פיש וואס זיי האבן געטוישט פארן אתרוג און די גבאים זענען געווארן אין כעס אויף זיי, אזא שטות! בייטן א שיינעם אתרוג פאר א פיש! די שלוחים זענען געווארן פארשעמט און פון רוב בושה זענען זיי אוועק געפארן אין א נאנטן דארף, איבערלאזנדיג די פיש אין צאנז, און האבן דארטן פארבליבן אויף יו"ט.

דערווייל האט מען אויפגעקאכט דעם גרויסן פיש און מען האט מחליט געווען אז מען וועט נישט דערציילן פארן רבין וואס עס איז דא פארגעקומען, אלעם איז געווען אפן פארן הייליגער צדיק און אלעם געזען, צום וואונדער פון די גבאים, ווען זיי האבן דערלאנגט דעם פיש פארן רבין ביי די סעודה פון ליל שבת קודש האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן "א דאנק פאר די געטרייע שלוחים וואס האבן געהאט די פארשטאנד אז ווייל דער יאר איז דאך דער ערשטער טאג יו"ט אין שבת, האבן זיי פארשטאנען די גרויסע חשיבות פון האבן פרישע פיש אויף סעודת יו"ט, ממילא א אתרוג דעם יאר איז נאר א דרבנן אבער פיש האט צוויי מצוות: ושמחת בחגיך און וקראת לשבת עונג".

דער רבי האט גענומען א גרויסע שטיקל פיש און געהייסן די גבאים דאס אוועקלייגן און מוצאי שב"ק מוזן זיי אויפזוכן די צוויי שלוחים און

דאס געבן און זיי איבערבעטן. מוצש"ק זענען זיי געפארן אין דארף און געגעבן די שיריים פאר די שלוחים און האבן זיי איבער געבעטן און די שלוחים זענען געאנגען קיין צאנז מיט גרויס פרייד. דערוויל איז די שמחה געווארן גאר גרויס ווען אינמיטן די נאכט פון מוצאי יו"ט איז אנגעקומען דער פיש סוחר און האט מיט געברענגט דעם אתרוג און דאס איבערגעגעבן אין האנט פון צדיק זאגענדיג אז ער האט באמת געוואלט מהנה זיין דער צדיק מיט פיש און אויך מיט א שיינעם אתרוג.

## דער הייליגער מהר"י פון בעלזא זיע"א האט דערהויבן א נשמה גאר הויך און ער איז גלייך אריין אין גן עדן

אין אונגארן האט א איד געהאט א שענק פון בראנפן ער איז געווען א עושר אבער א רשע און א מחלל שבת, ער האט געהאט גוטע בראנפן און חסידים פלעגן זיך דארט אפשטעלן ביי זייערע נסיעות צו זייערע צדיקים, און דער שענקער האט געמאכט ליצנות פון די צדיקים, איינמאל איז געווען ביי אים א קבוצה פון בעלזא חסידים פון מיטעלע רבי מהר"י זצוק"ל און זיי האבן געשועסט וועגן די גרויסקייט פון זייער רבי הרה"צ ר' יהושע דער מהר"י זצוק"ל און דער שענקער האט געמאכט ליצנות פון זייער רבי האבן זיי אים געזאגט ער זאל אויפהערן מאכן ליצנות ווייל ער וועט באקומען א שטראף און ער האט געזאגט ער האט נישט מורא פון רבי'ס און האט געמאכט נאך מער שטארקע ליצנות.

ווען פלוצלינג איז דער שענקער געווארן געלעמט אויף זיין גוף, און עס איז געווארן א רעש אין שטאט אז דער שענקער האט באקומען א עונש ווייל ער האט געמאכט ליצנות פון הייליגן בעלזא רב. די דאקטוירים האבן פרובירט עפעס צו העלפן אבער זיי האבן גארנישט געקענט העלפן, דער שענקער האט געהאט א ברודער וואס איז געווען א חסידישע איד און האט גענומען זיין ברודער דעם שענקער צום בעלזא רב, האט דער בעלזא רב געזאגט אויף מיין כבוד בין איך מוחל און איך וויל נישט אז חלילה זאל א איד ווערן געשראפט צוליב מיר, אבער איך ווייס נישט צו דער אויבערשטער איז אים מוחל?

דער שענקער האט אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: רבי איך וויל תשובה טאן איך וועל מער נישט רעדן אויף צדיקים! האט דער רבי געזאגט אז זיי זאל קומען אויף ראש השנה און ער וועט זיי קענען דעמאלטס העלפן, ערב ראש השנה זענען ביידע ברידער אריין צום בעלזא רב. דער שענקער האט געוויינט פארן רבין ער זאל אים אויסהיילן, האט דער רבי האט געזאגט אז אויב ער וועט מקבל זיין צו זיין א אמת'ע עהרליכע איד און בעטן מחילה פון אויבערשטן אין ר"ה, וועט אים דער אויבערשטער מוחל זיין און וועט ווערן געזונט. דער איד האט אלעם געפאלגט און איז געבליבן אין בעלזא ביז נאך יום כיפור און איז גלייך מוצאי יו"כ איז ער געווארן אינגאנצן געזונט.

נאך יו"כ האט אים דער רבי געהייסן אהיים פארן און ער האט זיך איגאנצן איבערגעדרייט און געווארן א מהדר במצוות און געווארן א גרויסער בעל צדקה. סוכות האט ער געקויפט א שיינעם אתרוג און געבויט א גרויסער סוכה און האט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים און טאן א חסד מיט מזכה זיין אידן מיטן שיינע אתרוג. ער האט אויך געדונגען א מלמד וואס האט אים שנעל אלעם אויסגעלערנט און ביז א קורצע צייט איז דער שענקער געווארן א יודע ספר.

ער פלעגט פארן אלע ראש חודש קיין בעלזא און געבליבן אויף סעודת ר"ח. איין חודש האט דער רבי אים אריינגערופן נאכן סעודה און אים אויסגעפרעגט אויף זיין הנהגה און דער רבי האט געפעלן זיין עבודה און צום סוף האט דער רבי געזאגט ביזט א אמת'ע בעל תשובה און במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, דוא ביזט יעצט אין א העכערע מדריגה פון צדיקים.

האט אים דער שענקער געזאגט אז אויב ער שטייט שוין אין אזא הויכע מדריגה, בעט ער דער רבי אז ער וויל זוכה זיין צו זען מלך המשיח, האט אים דער רבי געזאגט אז אין עפעס א וואלד ביים גרעניץ פון אונגארן איז ביים עק פון וואלד איז דא א הויז וואס דארט וואוינט דער מלך המשיח. דער איד איז דארטן געגאנגען און געזען די שטוב איז טונקעל און א פרוי קאכט קארטאפל און די רויך פילט אן די הויז, און ער האט געקלאפט אויפן טיר און די פרוי פרעגט וואס ער דארף ? האט דער איד געזאגט ער וויל זיך טרעפן מיט איר מאן ווייל ער וויל ער זאל קומען ארבעטן ביים אים און פירן די חשבונות, האט זי געזאגט מיין מאן קען נישט שרייבן און אפילו נישט רעכענען און ווי קענסטו אים נעמען ארבעטן? אבער ער האט איר איינגעבעטן אזהער וויל אים זען, האט זי געזאגט אז ער קומט אהיים נאך מעריב.

ער האט געווארט ביז נאך מעריב און איז צוריק אהין און געזען ווי א איד זיצט אריינגעטאן אין א ספר און ער האט געקלאפט אויפן טיר און מען האט אים אריינגעלאזט און ווען דער בעל הבית האט אים געפרעגט ווער האט אים געשיקט צו אים? און ווען ער האט געענטפערט אז דער בעלזא רב האט אים געשיקט איז געשען א פלא אז דער איד מיטן הויז איז פארשוואונדן געווארן. ווען ער איז אנגעקומען צוריק קיין בעלזא האט דער רבי געזאגט אז דו האסט א גרויסע זכות אז דו האסט זוכה געווען צו זען דער מלך המשיח. דער איד האט זיך נישט אפגעשטאלט אין זיין מדריגות נאר געשטיגן אין עבודה און יראת שמים.

איין יאר איז געווען א שווערע ווינטער מיט גרויסע שניי און ער געקומען קיין בעלזא אויף חנוכה און דער רב האט אים געהייסן שוין אהיים פארן האט ער געבעטן תחנונים אז ער האט געמאכט אזא לאנגע און א שווערע נסיעה פאר גארנישט! און אפילו נישט הערן די ברכות פון רבין איינמאל? און דער רבי זאגט גוט די ערשטע נאכט קענסטו נאך בלייבן אבער זאגט אים שטרענג אז ער מוז שוין גלייך דערנאך אהיים פארן! און האט זיך געזעגנט פון רבין. ווען ער איז אהיימגעקומען איז ער

געווארן פלוצלינג זייער שטארק קראנק און ער האט יעצט פארשטאנען די כוונה פון רבין וואס האט אים שנעל אהיים געשיקט. ער האט געשריבן א צוואה אז מען זאל טיילן אסאך צדקה פאר ארימעלייט און פאר ארץ ישראל לעילוי נשמתו. ער איז נפטר געווארן א עלטערע איד און די גאנצע שטאט האט אים באגלייט לכבודו. א פאר טעג נאך וואס ער איז נפטר געווארן איז ער געקומען צו זיין זון אין חלום און דערציילט אז ווען ער איז ארויף אין הימל האט מען אויסגערופן מאכטס פלאץ פאר די בעל תשובה פון בעלזא, און מען האט געהייסן גיין גלייך אין גן עדן, און דארטן האב איך געהאט די זכיה צו זען דער הייליגער שר שלום פון בעלזא וואס זיצט מיט א גאלדענע קרוין און מיט גרוים כבוד זיע"א. (ספר פטירת רבינו הק' מבעלזא תרנ"ד)

## אזוי נעמט מען א אתרוג

איין יאר איז געווען א חסר אין שיינע אתרוגים. איינע פון די חסידים פון הרה"ק ר' ישראל פון הוסיאטין זצוק"ל איז געווען פון די גרויסע סוחרים און פלעגט ברענגען דעם רבין דעם שענסטן אתרוג, אבער יענע יאר איז נישט געווען קיין אתרוג וואס איז געווען ריין. האט דער סוחר געשיקט דעם שענסטן וואס איז געווען מיט א שיינעם פלעק. און דער גבאי ר' קלמן שאול האט פארשטאנען ווען ער האט געזען דעם אתרוג אז דאס איז די שענסטע וואס איז דא, און לייגט דאס אריין אין אתרוג פושקע פון רבין, דעם ערשטן טאג סוכות איז דער סוחר געגאנגען צו פוס פון מאה שערים צו קרית משה א מהלך פון א שעה צו זיין מיטן הייליגן רבי'ן, ער קומט אן פארן דאווענען און ר' קלמן שאול דער גבאי קומט אים אנקעגן מיט א שמחה און זאגט איך וויל דיר ווייזן דעם אתרוג וואס דו האסט געגעבן! דער סוחר האט געמיינט עפעס איז דא געשען מיטן אתרוג! אבער ווען ער זעט דעם אתרוג און דרייט דאס און קוקט פארן פלעק, זעט ער אז דער אתרוג איז א יופי אינגאנצן ריין! דער סוחר איז נשתומם געווארן. דערציילט אים דער גבאי אז נאכדעם וואס דער רבי האט געמאכט די ברכה און ער האט דאס געדארפט שפעטער ארויסטראגן צום עולם האב איך באמערקט אז די פלעק איז שוין נישטא. אויך דערציילט מען אז ביי זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' מרדכי שרגא, אז ער פלעגט איבערקוקן די אתרוגים פארן נוצן. און נאכדעם האט ער מחליט געווען אז וויל ער האט געזען אז יעדן אתרוג נאכן ברכה איז דאס געווען שטעדיג ריין און שיין. דארף ער נישט קוקן און אזוי פלעגט ער נעמען דעם ערשטן אתרוג וואס ער האט געזען, אגב דערציילט מען פון גרויסע צדיקים וואס האבן אריינגעלייגט זייער הייליגער הענט אין קאסטן פון די אתרוגים און וואס איז געקומען צו זייער האנט איז געווען זייערם און איז אלעמאל געווען שיין.

### אפגעשטעלט די רעגן

איינמאל סוכות האט זיך אראפ געלזאט א רעגן און ר' פינחם האט געהאט גרוים צער פון דעם און ער האט געוואלט פאסטן אז עס זאל אויפהערן צו רעגענען אבער יו"ט טאר מען נישט פאסטן (ויש אומרים אז דאס איז געווען חל המועד און חל המועד טאר מען נישט פאסטן) האט ער זיך אנגערופן רבש"ע איך האב נאמנות ביי דיר, ממילא בין איך מקבל אויף זיך צו פאסטן גלייך נאך יו"ט אז די רעגן זאל זיך אויפהערן, און די רעגן האט זיך אויפגעהערט און נאך יו"ט האט ער געפאסט.

### מסירת נפש פאר א סוכה

דער סטייפלער גאון האט מקפיד געווען צו שלאפן אין א סוכה, ווען מען האט אים גענומען אין די רוסישע ארמיי, וואס די קעלט איז נישט געווען אויסצוהאלטן האט ער אויך געשלאפן אין סוכה, ער האט דאס געטאן מיט א שמחה של מצוה וואס האט אים דערווארעמט, און האט נישט געפילט די קעלט. איינמאל סוכות האט ער געדארפט היטן אויף א שפיטאל און ער האט זיך געמאכט א קליין סוכה און אזוי האט ער געהיטן, דער סדר איז געווען, אויב דער שומר זעט ווי דער שונא קומט, דארף ער שיסן א קויל מיט זיין ביקס און אזוי וועט מען זיך צוגרייטן. אזוי ווי דער סטייפלער איז געווען זייער מיד האט ער איינגעדרימלט און בטעות האט זיין ביקס געשאסן, און עס איז געווארן א טומל און מען גרייט זיך. ווען דער מצב איז געווארן רוהיג און מען זעט נישט קיין שונא שיקט מען רופן דעם סטייפלער, פרעגנדיג פארוואס האט ער געשאסן? דער סטייפלער טראכט ער וואלט זיך געקענט פשוט ארויסדרייען פון דעם גאנצן ענין מיט זאגן א ליגן אז ער האט עפעס געזען און געמיינט אז דער שונא קומט, און מיט דעם וואלט ער זיך ארוים געדרייט, פון צווייטן זייט אויב ער וועט זאגן דעם אמת, קומט אים טויט שטראף. מאכט דער גאון א חשבון: מדבר שקר תרחק, ממילא קומט נישט אין באטראכט צו זאגן ליגן, איי מיטן אמת דראט אויף אים א עונש, האט ער געטראכט ער האט דאך געשלאפן אין א סוכה, און ושומר מצוה לא ידע דבר רע, ממילא איז ער זיכער אז דער אויבערשטער וועט אים ראטעווען, און ער זאגט דעם אמת! מען נעמט דעם סטייפלער און מען לייגט אים אריין אין תפיסה מיט די גרעסטע פושעים און מען משפט אים ר"ל אויף צו הענגען. דער גאון פארלירט נישט זיין בטחון, און איז זיכער אז אין זכות פון מצוות סוכה, און זאגן דעם אמת, וועט אים דער אויבערשטער העלפן, אזוי ווי יענע צייט איז געווען דעם יום הולדת פון קיסר, פלעגט ער פארגעבן פאר מענטשן זייער שטראף, אויב דער מענטש האט געטראפן חן ביים אים, און אזוי איז דער קיסר אויך געגאנגען צום תפיסה ביים סטייפלער, און דער סטייפלער האט געפונען חן בעיני אלקים ואדם און האט דער קיסר פארגעבן דעם סטייפלער, דער גאון איז געראטעוועט געווארן פון טויט דורך זאגן אמת!

### געקויפט א לולב מיט חכמה

דער הייליגער סטייפלער גאון דער בעל קהלות יעקב זצוק"ל איז אמאל אריין אין א געשעפט זוכן א לולב אבער ער האט נישט געטראפן עפעס אין זיין גלייכן און ער האט געזאגט פאר זיין משמש מען דארף שוין גיין און דער משמש האט פארשטאנען אז דער גאון האט דא נישט געטראפן

קיין לולב, און זיי גייען נאנט צום טיר ארויסגיין, ווען דער סטייפלער פלוצלינג גייט צוריק און זוכט און קלייבט זיך אויס א לולב און באצאלט פאר דעם און גייט ארויס פון געשעפט, פרעגט אים זיין משמש אז דער רב איז שוין געגאנגען ווייל ער האט נישט געטראפן א לולב פאר אים, אויב אזוי פארוואס איז ער צוריק אריין נעמען א לולב? האט אים דער גאון געענטפערט, דארפסט פארשטיין אז אין געשעפט זענען געווען אסאך מענטשן זוכן לולבים און אויב זיי וואלטן געזען ווי איך גיי ארויס אן א לולב וועלן זיי אפטייטשן אז דער סטייפלער האט נישט געטראפן א לולב איז דאס א סימן אז דא זענען נישטא גוטע לולבים וועט דער סוחר חלילה האבן הפסד צוליב מיר, דעריבער האב איך צוריק געקערט און גענומען א לולב וועלן די מענטשן זאגן אז דא איז דא גוטע לולבים ווייל הראיה אז דער סטייפלער האט דא געקויפט זיין לולב! דאס איז א מורא'דיגן חשבון פון א הייליגן גאון.

### צופיל זוכן פאר א אתרוג איז ביטול תורה

דער גרויסער גאון דער ראש ישיבה פון טשעבין -**הרה״ג ר׳ דוב בעריש ווײדענפעלד מחבר דובב מישרים**- איז אמאל אריין אין א געשעפט וואס האט פארקויפט אתרוגים, און עס איז געווען פול מיט קונים וואס האבן געקוקט און באטראכט אסאך אתרוגים ווי דער שטייגער איז, ווען דער גאון איז אריין און בעט פון סוחר ער זאל אים אויס קלייבן א אתרוג, דער סוחר ברענגט ארויס א אתרוג און דער ראש ישיבה קוקט דאס אן און באטראכט דאס און פרעגט וויפיל דער סוחר וויל און באצאלט און פַאקט איין דעם אתרוג און הויבט אן ארויסגיין ווען דער ראש ישיבה הערט ווי איינער רופט זיך אן צו זיין חבר דער ראש ישיבה האט דאס געמאכט זייער שנעל ממילא קען זיין אדער ער האט שוין א שענערע אתרוג און דאס איז נאר א זייטיגער אתרוג, אדער האט דער סוחר געוואוסט אז דער ראש ישיבה קומט און האט אים אנגעגרייט א מהודר'דיגן אתרוג. האט דער גאון זיך אנגערופן אז דאס איז זיין איינציגסטן אתרוג און דער סוחר האט נישט אוועקגעלייגט פאר אים א אתרוג, נאר ער האלט אז מען דארף נישט אוועקגעבן צייט פאר זוכן א אתרוג, מען דארף קוקן און זען אויב עס איז שיין און כשר איז דאס גענוג, ווייל אנדערשט איז דאס ביטול תורה. מען דערציילט אז אסאך צדיקים האבן געגלויבט אז זייער אתרוג איז אנגעשריבן און וועלן דאס באקומען!

### די ערבות האבן געקאסט א פארמעגן

הרה״צ ר׳ משה מלעלוב זצוק״ל ווען ער איז געפארן אויפן שיף קיין א״י האט ער געוואוסט אז ער וועט מוזן זיין אין ים במשך חודש תשרי, ממילא האט ער מיט גענומען ברעטער פאר א סוכה און אויך די ד׳ מינים, ער האט גוט אכטונג געגעבן אויף די מינים אז זיי זאלן זיין פריש און זיי געלייגט אין וואסער און גוט איינגעפאקט. עס איז געווארן נאנט צו סוכות און ר׳ משה באקוקט די מינים און זעט אז זיי זענען נאך פריש אבער די ערבות זענען שוין אויסגעטרוקנט און מען קען נישט מאכן א ברכה אויף דעם. ר׳ משה גייט צום שיף'ס קאפיטאן און בעט אים אויב ער קען אפשטעלן די שיף לעבן א אינזל וואו ער וועט זיכער דארטן טרעפן פרישע ערבות. דער קאפיטאן וויל נישט הערן פון דעם! אבער ווען ר׳ משה האט אים פארגעלייגט א גרויסע סכום געלט, האט ער מסכים געווען און זיי האבן זיך אפגעשטעלט א קורצע צייט ביים אינזל און ר׳ משה האט בס״ד גלייך געטראפן ערבות און זיי האבן געפארן ווייטער, זיין שמחה איז געווען גרויס, און בפרט אז עס האט אים געקאסט אסאך געלט מקיים זיין דעם מצוה, יענער יאר איז געווען ביי ר׳ משה א דערהויבענע צייט ביים שאקלן די ד׳ מינים און געגעבן א שבח והודאה אז ער האט געקענט טרעפן אינמיטן ים די שיינע ערבות, זיע״א.

### דער גאון האט געטוישט זיין מנהג לכבוד דעם אורח

הגה״צ ר׳ שמעון זעליכאוועער זצוק״ל דער נהרי אש און משגיח אין ישיבת חכמי לובלין, האט מקפיד געווען צו האבן אורחים ביים סדר אזוי ווי עס שטייט ושמחת בחגיך והגר והיתום והאלמנה, איין יאר האט ער געהאט א בחור א יתום און א אלמנה און אויך א עלטערער איד ביים סדר, ר׳ שמעון האט אין מיטן סדר באמערקט אז דער זקן האט בכלל נישט קיין ציינער און ער וועט נישט קענען עסן די מצה. פארן זיך גיין וואשן האט ר׳ שמעון געזאגט פארן זקן אז ער מוז ווייקן די מצה און עס וועט ווערן געבראקס און ווייך! דער זקן ווערט אים שלעכט אבער ר׳ שמעון זאגט אים אז עס וועט זיין א סכנה פאר אים און געבראקס איז א חומרא פון בעש״ט און זיינע תלמידים, אבער נאר דער וואס קען דאס אויספירן, אבער דער זקן האט נישט געהאט קיין חשק ביז ר׳ שמעון האט אים געזאגט קלאר אויב איר האט מורא פון עסן געבראקס בין איך גרייט מיט צועסן מיט אייך, און דער איד האט געזען אז ר׳ שמעון מיינט דאס ערנסט און האט געגעסן די מצה געבראקס. האט הרה״ח ר׳ אליעזר דוד פרידמאן שליט״א צוגעלייגט אז ביים גאון ר׳ חיים עוזר מווילנא זצ״ל איז אנגעקומען אין מיטן סוכות א חשובער אורח און ר׳ חיים עוזר האט זיך נישט געשפירט גוט און איז געבליבן אין שטוב אליין מצטער פטור מן הסוכה, אבער מען האט אנגעגרייט א סעודה פארן אורח און ער וואשט זיך אין סוכה און ר׳ חיי עוזר קומט אראפ אין סוכה מיט א דיקע מאנטל זיך אנצו-ווארעמען, און ווען דער אורח פרעגט, איר זענט דאך פטור פון סוכה! האט ר׳ חיים עוזר געענטפערט: אבער פון הכנסת אורחים בין איך נישט פטור, און וואס פארא א טעם איז ברענגען א אורח און אים לאזן עסן אליין! זיי האבן געלעבט אין א אמת'ע חשבון זיע״א.

### סיפור פון חפץ חיים- האבן גוטע מידות אויך אין סוכות

שטייט אז די תשובה פון ימים נוראים איז יראה, און די תשובה פון סוכות איז אהבה, שטייט אין ספר יסוד ושורש העבודה אז וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ איז אנקעגן אהבת ה׳, עס טיילט

זיך נישט אפ, אויב מען האט נישט ליב אידן האט מען נישט ליב דעם אויבערשטן, וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ מיינט וואס דו האסט פיינט מען זאל דיר טאן זאלסט נישט טאן צו דיין חבר, דַּעֲלָךְ סְנֵי לְחַבְרָךְ לָא תַּעֲבִיד (שבת דף לא.). סוכות איז א צייט וואס מען קען פארגעסן פון וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ. סיי ביי קויפן די ד׳ מינים און סיי ביי מאכן די סוכה. אבער צדיקים האבן געהאלטן קאפ דייקא ביי די ענינים, מיט דעם קען מען אויך מסביר זיין דער מדרש תנחומא ראשון לחשבון עונות, אז דייקא ביי סוכה וואס מען ווייסט אז די ד׳ מינים זענען גאר חשוב, און דער בעל דבר לייגט גרויסע כוחות מורא היתר זיין ביים איינקויפן די ד׳ מינים, מיט אונאת דברים און אמאל גניבה אויך, און ביי דעם בויען די סוכה אויך לייגט די בעל דבר גרויסער כוחות, אריינצוברענגען כעס דעמאלטס, מען דערציילט אז די הייליגע חפץ חיים האט אויף דער עלטער נאכאמאל חתונה געהאט, פאר סוכות האט ער אויפגעשטעלט זיין סוכה אליין אזוי ווי ער האט אלע יארן געטאן, יענער יאר נאכן מאכן די סוכה זאגט אים זיין נייע רעבעצין אז זי האלט אז די סוכה וואלט געווען שענער אין א אנדער ווינקל, דער חפץ חיים זאגט איר אז זי איז גערעכט און ער צונעמט די סוכה רוהיגערהייט און שטעלט דאס אויף אין יענעם ווינקל, נאך די גאנצע מוטשעניש זאגט אים זיין ווייב אז ער איז געווען גערעכט די סוכה איז שענער אויף דעם ערשטן פלאץ און מיט א רוהיגערקייט צונעמט דער חפץ חיים די סוכה און שטעלט דאס צוריק. דער חפץ חיים פלעגט זאגן וואס דארף מען אינזינען האבן ווען מען דרייט זיך ארום די בימה מיט די ד׳ מינים? אז מען זאל אכטונג געבן נישט טרעטן אויף איינעמ׳ס פיס ווייל מען וועט חלילה נישט וויסן וועמען צו איבערבעטן. (שמח זבולון תש״פ)

**נישט געוואלט ארויסגיין פון סוכה**

הרה״ק רבי יהודה צבי ברנדוויין (תק״ם - תר״ד) איז געווען די מייסד פון חסידות סטרעטין און ער האט געהאט א זון הרה״ק רבי אליעזר פון אזיפולי. ר׳ אליעזר פלעגט אלע יאר דערציילן דער מעשה אין די סוכה: עס איז געווען א איד וואס ער האט געלעבט א חיות דקדושה פון סוכה, און האט געקושט די ווענט און נישט ארוים פון סוכה אפילו נאך יו״ט ביז די קעלט און די שניי האט אים געצוואונגען ארויסגיין פון סוכה. אין יאר האט ער געבעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל זוכה זיין צו קענען זיין אייביג אין סוכה ווייל דאס איז זיין גן עדן, ווען עס איז אריבער דעם יו״ט און עס האט אנגעפאנגען ווערן קאלט און ווינטיג, האט דער אויבערשטער געמאכט א נס אז זיין סוכה איז געפלויגן צוזאמען מיטן איד אין א ווייטער ארט וואו עס איז ווארעם אגאנץ יאר, און דער איד האט זיין גן עדן אויף דער וועלט. דאס איז טיפע סודות! פון דעם דארף מען זיך אפלערנען אז דער טעם און קדושה פון דעם סוכה זאל בלייבן ביים מענטש אויף א גאנץ יאהר. אזוי וועט זיין עולמך דיי עולם הבא, תראה בחייך, וועסט דאס זעהן אויף דעם וועלט. קען זיין אז דאס האט דוד המלך געבעטן אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה׳ אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ שִׁבְתִּי בְּבֵית ה׳ כָּל יְמֵי חַיַּי. און כִּי יִצְפְּנֵנִי בְּסֻכֹּה, אז ער זאל זוכה זיין צו שטענדיג זיין אין די סוכה און מרגיש זיין דער טעם און קדושה. (שמח זבולון תשפ״ג)

*הוצא לאור ע״י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש״ט חתום ע״י הגאון ר׳ ראובן גרוזובסקי והגאון ר׳ נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 מגן אבות קאפוסט דפוס ראשון $1500 ספר דרושים יקרים מהרה״ק ר׳ שלמה זלמן מקאפוסט $400, פסק דין עם חתימת הגאון ר׳ יוסף ענגיל $7500 ייטב פנים דפו״ר חלק ב $600 זוהר דפוס סלאוויטא ר׳ משה $18000 ספר צמח ה׳ לצבי דפו״ר יש דף הוספה $2800, רגל ישרה בני יששכר $1800 סעט משניות טשערנאוויץ ת״ר תר״ו $2500, שו״ת הרי״ם דפו״ר עם חו״מ מצב מפואר שייך למשפחת החידושי הרי״ם $2500 ספר צמח צדיק ויזניץ דפו״ר $1200 ספר אמרי ברוך ויזניץ דפו״ר $900 ספר אהבת ישראל וויזניץ דפו״ר $700, ספר עבודת יששכר וואלברוז דפו״ר $1000 הגדה פרי חיים שהשתמש בו בעל חלקת יהושע מביאלא $3000 ספר טורי אבן דפוס ראשון עם חתימת הגאון רב שמעון לאנגסאם בעל שלמי רגלים על חגיגה אב״ד מעליץ $1500 ספר מקצוע בתורה להגאון מפלאצק דפו״ר עם חתימה וחותמת הרה״ק ר׳ משה ירוחם מארגנשטערן בנו של הרה״ק ר׳ מנחם מענדל מקאצק זצוק״ל $2000 ספר פרשת דרכים דפוס ראשון עם חתימת והגהות הגאון רב שלמה חכים בעל מלאכת שלמה שאלוניקי תרכ״ג וגם חתימת נכדו ר׳ דוד חכים $1000 סעט ערבי נחל שבירך ונתן הרה״ק מטאהש זצוק״ל לבחור שנבחן על סוגיא בש״ס עם אישור $800 זמירות שבת שבירך ונתן הרה״ק בעל מאור ישראל מסקולען תשע״ט לתומך $750, איסור והיתר פראג תקמ״ד עם חתימת וחותמת הר׳ עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ״ד עם חתימת ר׳ חיים יעקב ב״ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד״ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ״ד עם חתימת ר׳ אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר׳ צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה״ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 גמ׳ שלמד בו הרה״ק ר׳ איציקל מפשעווארסק $2500 דפו״ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס״ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 מכתב הרה״ק ר׳ מנחם מנדל מפביאניץ הי״ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, מכתב ארוך שנת תש״ז מאגודת ישראל ארה״ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו״ר מבלאזוב, ר׳ אלי׳ מאיר בלאך, ר׳ שמעון שוואב, אלימלך טרעם ור׳ הענדעלס $3800 מכתב הרה״ק ר׳ יחזקאל מאוסטראווצא $1800 שו״ע יו״ד ח״ב וחו״מ ח״א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה״ק מסעקלעהיד עם ב׳ חתימות מהגאון ר׳ יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2000 ספר מטה משה ב׳ חתימות מהגאון ר׳ יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2000 מכתב הגאון ר׳ יונתן שטייף תש״א מבקש מר׳ יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה״ק ר׳ יעקב אדמו״ר מיעזוב בן הרה״ק מטשעכנאוו $3000 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500

Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, **To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.co** מיר ווינטשן אלע א פרייליכן יו״ט